**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/16/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט נייע עררייכונג אין באמיאונגען צו בויען שנעלע טשארדזשינג סטאנציעס פאר עלעקטריק קארס איבער ניו יארק סטעיט**

***פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע באשטעטיגט די סטעיט'ס פארבעסערטע פלאן צו נוצן נאציאנאלע עלעקטריק קאר אינפראסטרוקטור פראגראם געלטער צו עפענען שנעלע טשארדזשינג סטאנציעס***

***באשטעטיגונג ערלויבט פאר ניו יארק סטעיט צו באקומען $37.4 מיליאן אין NEVI געלטער***

***סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט ארבעט מיט סטעיט פאווער אויטאריטעט צו פארשנעלערן דאס אינסטאלירונג פון אומגעפער 20 נייע שנעלע טשארדזשינג לאקאלן ביז ענדע 2024***

***שטיצט קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ צילן צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050 און ניו יארק סטעיט'ס פאדערונג פאר אלע נייע רייזנדע וויהיקלס פארקויפט אין ניו יארק סטעיט צו זיין זערא עמיסיע ביז 2035***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אן עררייכונג אין ניו יארק'ס נאציאנאל-פירנדע באמיאונג צו באקעמפן קלימאט ענדערונג און אריבערגיין צו זערא-עמיסיע קארס. די פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע האט באשטעטיגט [ניו יארק סטעיט'ס פארבעסערטע פלאן צו נוצן נאציאנאלע עלעקטריק קאר אינפראסטרוקטור (National Electric Vehicle Infrastructure, NEVI) פראגראם געלטער] צו אינסטאלירן און עפענען נאך שנעלע טשארדזשינג סטאנציעס, דערביי עפענען די וועג פאר די סטעיט צו באקומען איר נעקסטע סומע פון $37.4 מיליאן צו פאחזעצן מיט די פראיעקט.

"כדי צו דערגרייכן אונזער שטארקע צילן צו פארמינערן גרינהויז גאז עמיסיעס דורך אריבערגיין צו בלויז-עלעקטריק קארס, מוז ניו יארק סטעיט האבן א פארשפרייטע נעטווארק פון טשארדזשינג סטאנציעס וועלכע זענען גרינג צו נוצן און באקוועם צו דערגרייכן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך נוצן די גאר וויכטיגע פעדעראלע געלטער און דורך ארבעטן אינאיינעם און צוזאמשטעלן זייערע אלע מעגליכקייטן און הילפסמיטלען, וועלן אונזער טראנספארטאציע דעפארטמענט און פאווער אויטאריטעט עפענען א פארגעשריטענע טשארדזשינג נעטווארק וואס וועט שטופן מער מענטשן צו קויפן עלעקטריק קארס און העלפן אז זיך דארפן אפשטעלן ביי א גאז סטאנציע זאל זיין א זאך פון די פארגאנגענהייט."

די באשטעטיגונג קומט אין א צייט וואס די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט און די ניו יארק פאווער אויטאריטעט זענען אריין אין אן אפמאך צו געבן די ערשטע אינסטאלירונג פון NEVI געלטער - אומגעפער $20 מיליאן-צו העלפן די פארבליבענע מאנגל אין טשארדזשינג סטאנציעס לענגאויס גרויסע הייוועיס. אונטער די אפמאך, וועט די פאווער אויטאריטעט נוצן איר [EVolve NY (מאכן ניו יארק] [פארגעשריטן) שנעלע טשארדזשינג אינפראסטרוקטור] פראגראם צו אידענטפיצירן מעגליכע לאקאלן און

אינסטאלירן טשארדזשינג איינהייטן אין כאטש 20 באשטימטע NEVI-פראגראם לעכער לענגאויס ווייכטיגע סטעיט הייוועיס, מיט מערסטנס פון זיי ערווארטעט צו ווערן פארענדיגט ביז ענדע 2024. די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט וועט נוצן נאך קאנטראקט קארס פאר שפעטערע פאזעס פון די NEVI פראגראם איבער קארידאר פראיעקטן, אזוויי פובליק-פריוואטע פארטנערשיפס, צו פארברייטערן געאגראפישע דעקונג פון טשארדזשינג אינפראסטרוקטור מיט צוטריט צום פובליק און צו שטיצן דאס עפענונג פון טשארדזשינג אינפראסטרוקטור פאר מעסיגע- און שטערקערע-קארס.

די NEVI פראגראם איז געעפענט געווארן אלץ טייל פון די היסטארישע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און ארבעט גרעלעגנהייטן אקט (Infrastructure Investment and Jobs Act, IIJA) פון 2021 און שטעלט צו געאייגנטע פעדעראלע פינאנצירונג פאר סטעיטס צו שטיצן די סטראטעגישע ארויסשטעלונג פון עלעקטריק קארס שטאפל 3 דירעקט פלוס שנעלע טשארדזשינג אינפראסטרוקטור און אוועקשטעלן אן אינערליך-באהאפטענע נעטווארק פאר פארלעסליכע טשארדזשינג, מיט געוויכט אויף לאקאלן נעבן אינטערסטעיט הייוועי עקזיטס. ניו יארק איז ערווארטעט צו באקומען 175$ מיליאן איבער א שפאן פון פינף יאר אבער זיי מוזן ערשט אריינגעבן גילטיגע פלענער צו די פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע יעדע יאר אויף וויאזוי זיי פלאנען צו נוצן די געלט כדי צו באקומען זייער יערליכע טייל דערפון.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנערין מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** "אריינברענגען א קלימאט פריינטליכע טראנספארטאציע סיסטעם פאדערט אז מיר זאלן טון אלעס וואס מיר קענען צו מוטיגן דאס באנוץ פון עלעקטריק קארס. די טראנספארטאציע דעפארטמענט איז שטאלץ צו זיין א טייל פון די נייע איניציאטיוו, וואס וועט ווירקליך ענדערן ניו יארק'ס נאציאנאל-פירנדע באמיאונגען צו באקעמפן גלאבאלע ווארעמקייט און העלפן מאכן עלעקטריק קארס מער א ציענדע און באקוועמע אויסוואל פאר דרייווערס."

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט (NYPA) פרעזידענט און CEO דזשאסטין אי. דריסקאל האט געזאגט,** "די פאווער אויטאריטעט איז צופרידן צו זיין ניו יארק'ס ערשטע דערהאלטער פון NEVI פעדעראלע געלטער, וואס מיר וועלן נוצן צו פארשנעלערן דאס אנטוויקלונג פון DC שנעלע-טשארדזשינג צו העלפן ניו יארקער דערגרייכן זייער שטארקע גאז-פארמינערונג צילן. NYPA איז זייער צופרידן צו ארבעטן אינאיינעם מיט אונזער טראנספארטאציע דעפארטמענט מיטארבעטער צו ווייטער אויסברייטערן אונזער EVolve NY טשארדזשינג סטאנציעס צו אנפולן די מאנגל וועלכע קומט פאר אויף ווייכטיגע הייוועי קארידארן, צו ערלויבן פאר ניו יארק צו שנעלער באקומען צוטריט צו די פארבליבענע פעדעראלע פינאנצירונג וואס איז אוועילעבל צו פארזיכערן אז עלעקטריק קארס ווערן מער צוגענגליך און אוועילעבל איבער די סטעיט."

**פארשטייער פאול טאנקא האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין עלעקטריק קאר טשארדזשינג שטעלט צו געלעגנהייטן צו גענצליך איבערטוישן אמעריקא'ס טראנספארטאציע באפעלקערונג, וואס איז די סיבה פארוואס איך האב געשטופט פאר עלעקטריק קארס צוגעהערן אין די אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און ארבעט געלעגנהייטן אקט. עס געבט מיר כח צו זען ווי די אינוועסטירונגען קומען טאקע אן צו אונזער ניו יארק קאמיוניטיס. איך קוק ווייטער ארויס צו בויען אויף די ארבעט וואס וועט נידערן די קאסטן פאר איינקויפער, שניידן עמיסיעס, און אונז העלפן דערגרייכן אונזער קלימאט צילן."

**פארשטייער ברייען היגינס האט געזאגט,** "כדי צו מאכן א גרינגע איבערגאנג צו ריינע טראנספארטאציע מוזן מיר אינוועסטירן אין ברייטע צוגענגליכע עלעקטריק קאר טשארדזשינג אינפראסטרוקטור. א דאנק די פינאנצירונג פון די היסטארישע בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ, פירט ניו יארק סטעיט אן די טויש אין ריכטונג פון א נייע ענערגיע צוקונפט דורך עפענען א נעטווארק פון שנעלע עלעקטריק קאר טשארדזשינג סטאנציעס אויף גרויסע וועגן וועלכע באהעפטן אונזערע

קאמיוניטיס. די אנאנסירונג איז נאך א טריט אין מאכן ריינע טראנספארטאציע מער ווירקליך, אונז ברענגענדיג נענטער צו דערגרייכן אונזער 2040 קלימאט צילן."

**פארשטייער ריטשי טארעס האט געזאגט,** "אינוועסטירונגען אין ריינע טראנספארטאציע זענען אינוועסטירונגען אין אונזער צוקונפט און איין סיבה פארוואס איך בין געווען שטאלץ צו שטיצן פרעזידענטביידען'ס היסטארישע, איבערארבעטנדע, און בייפארטיזען אינפראסטרוקטור און ארבעט געלעגנהייטן ביל פאריגע קאנגרעס. יעצט, אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האקול, איז ניו יארק באשטימט צו ווידמען $37.4 מיליאן אין NEVI געלטער פאר שנעלע טשארדזשינג סטאנציעס איבער די סטעיט, צייכנדיג נאך א באדייטנדע עררייכונג אין איר נאציאנאל-פירנדע קלימאט שריט פלאן. די באמיאונגען גייען גענצליך אינעם זעלבן גאנג ווי אונזער אייניגע פארפליכטונג צו באקעמפן קלימאט ענדערונג, פארמינערן עמיסיעס, און בויען א שטערקערע, געזונטערע, צוקונפט."

ניו יארק'ס [נאציאנאלע עלעקטריק קאר אינפראסטרוקטור פלאן] איז אנטוויקלט געווארן דורך די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט אינאיינעם מיט די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און דעוועלאפמענט אויטאריטעט; די ניו יארק סטעיט ענווייראנמענטאל אנהאלטונג דעפארטמענט; די ניו יארק פאווער אויטאריטעט; די ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס דעפארטמענט (Department of Public Service, DPS); די ניו יארק סטעיט טרו-ווע׳י אויטאריטעט; און די לאנג איילענד פאווער אויטאריטעט.

דורך איר EVolve NY פראגראם, האט די ניו יארק פאווער אויטאריטעט אינסטאלירט שנעלערע טשארדזשערס לענגאויס ניו יארק סטעיט'ס הויפט רייזע קארידארן, פון באפעלאו ביז אלבאני און פון די אדיראנדעקס ביז לאנג איילענד. דער פראגראם׳ס ציל איז עס באדייטנד גרינגער צו מאכן פאר ניו יארקער צו דרייוו׳ען אין סיי וועלכע ריכטונג לענגאויס דעם סטעיט און געפונען שנעלע טשאַרדזשערס כדי אז זיי קענען זיך באקרעפטיגן און זיין גיך צוריק ארויף ראוד. סיי וועלכע באטערי-באקרעפטיגטע EV אויסגעריכטעט מיט שנעלע טשאַרדזשינג פעאיגקייטן קען טשאַרדזש׳ען ביי אן ׳איוואָלוו NY׳ שנעלע טשאַרדזשער אין א קנאפע 20 מינוט, אריינגערעכנט טעסלא אויטאס מיט אן אדעפטער. מען קען זען נאך אינפארמאציע אויף EVolve NY שנעלערע טשארדזשערס אויף די פראגראם'ס [EVolve NY]וועב בלאט.

ניו יארק סטעיט'ס 1 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו אריבערפירן איר טראנספארטאציע סעקטאר צו עלעקטריציטעט איז קריטיש צו קענען נאכקומען די סטעיט'ס ברייטע קלימאט און ריינע ענערגיע פלאן. רעדוצירן קארבאן עמיסיעס און פארפעסטיגונג פון קארן ברענגט ריינערע לופט און געזונטערע קאמיוניטיס, באזונדערס אין געגנטער וועלכע באקומען נישט גענוג סערוויסעס. אן אויסוואל פון אינציאטיוון פארברייטערן צוטריט צו עלעקטריק קארס און פארבעסערן ריינע טראנספארטאציע פאר אלע ניו יארקער אריינרעכנענדיג EVolve NY, EV Make Ready, די (Drive Clean Rebate) דרייוו'ט ריין ריבעיט, די ניו יארק טראק וואוטשער באלוינונג פראגראם (New York Truck Voucher Incentive Program, NYTVIP), און פעדעראלע פינאנצירונג אונטער די NEVI פראגראם.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35% – שטרעבנדיג צו 40%– פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיוו קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף די ריכטיגע רעלסן צו עררייכן אירע ציהל צו האבן אן עלעקטריציטעט סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכנענדיג צו אנקומען צו 70%ריינע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די

יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסעיס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און אן איבער 3,000% וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין עמיסיע-פריי ביז 2035. פארטנערשיפס רוקן ווייטער פאראויס ניו יארק'ס קלימאט שריט מיט נאנט צו 400 רעגיסטרירטע און איבער 100 סערטיפייד קלימאט קלוגע קאמיוניטיס, נאנט צו 500 ריינע ענערגיע קאמיוניטיס, און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט אויפזיכט אינציאטיוו אין 10 ארימע קאמיוניטיס איבער די סטעיט צו העלפן צילן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט ענדערונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן